ווי נאָר ער האָט זיי באַגעגנט, האָט ער גלייך גענומען דרש'נען, מיט דעם כעס'דיקן ברען פון יענע וואָס זענען דערגאַנגען דעם אמת און ווילן אים וואָס גיכער פאַרשפרייטן. כ'האָב געהערט ווי ער זאָגט: תורה... תורה... כ'האָב געהאַט אַ פאַרלאַנג אים צו פרעגן: פאַרוואָס האָט די תורה נישט באַשיצט די זעקס מיליאָן ייִדן פון היטלערס גאַז־קאַמערן? אָבער צו וואָס פרעגן ווען כ'ווייס אַליין דעם ענטפער: כי לא מחשבותי מחשבותיכם... קידוש־השם איז די העכסטע זכיה... איין פּאַסאַזשיר האָט גערעדט דייטש־מעריש — נישט דייטש און נישט ייִדיש, נאָר אַ קוידערוועלש פון שמר'ס ראָמאַנען, און — ווי אויסטערליש! — יענע וואָס האָבן אים אָפּגעוואָרט, האָבן געפּלוידערט אויף דעם אייגענעם לשון...

כ'האָב מיר אָפּגעגעבן אַ רעכענונג אַז אין דעם גאַנצן תוהו־ובוהו הערשן פּרעציזע געזעצן. די טויטע בלייבן טויט. די לעבעדיקע האָבן זייערע זכרונות, חשבונות, פּלענער. ערגעץ ווו אין די גריבער אין פּוילן וואַלגערן זיך נאָך קופּעס אַש פון די פאַרברענטע. אין דייטשלאַנד ליגן איצט די געוועזענע נאַציס אין די בעטן, יעדער מיט זיין צעטל מאָרדן, פּייניקונגען, גאַנצע און האַלבע פאַרגוואַלדיקונגען. ס'מוז ערגעץ זיין אַ ווייסער וואָס ווייסט יעדע מחשבה פון אַ מענטש, יעדן וויטאָג פון אַ פליג, יעדן קאָמעט, מעטעאָר, יעדן מאָלעקול אין דער ווייטסטער גאַלאַקס. כ'האָב זיך ווי דורכגעשמועסט מיט אים: נו, אַלמעכטיקער ווייסער, ביי דיר איז אַלץ רעכט. האָסט די גאַנצע אינפאָרמאַציע און דעריבער ביזטו אַ חכם. אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט מיינע ברעקלעך אינפאָרמאַציע?... יאָ, כ'מוז וואַרטן אויף מיין זון... די פּאַסאַזשירן האָבן ווידער געהאַט אויפגעהערט אַרויסקומען און מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז אַלע זענען שוין אויסגעשטיגן. כ'בין געוואָרן אָנגעשפּיצט. איז ער נישט געקומען מיט דער דאָזיקער שיף? האָב איך אים פאַרזען? אפשר איז ער אַריינגעשפּרונגען אין ים?... כמעט אַלע זענען אַרויס פון וואַרט־זאַל און מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז מ'גרייט זיך אויסצולעשן די לאָמפּן. וואָס זאָל איך איצט טאָן? כ'האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז עפּעס אַ שטרויכלונג וועט טרעפן דעם דאָזיקן זון וואָס איז צוואַנציק יאָר צייט געווען פאַר מיר אַ וואָרט, אַ נאָמען, אַ שולד אין מיין געוויסן...

מיטאַמאָל האָב איך אים דערבליקט. ער איז אַרויסגעקומען פּאַמעלעך, מיט אַ קווענקלעניש און מיט אַן אויסדרוק ווי ער וואָלט זיך נישט געריכט עמעץ זאָל אים אָפּוואַרטן. ער איז געווען ענלעך צו דער פאָטאָגראַפיע, אָבער שוין עלטער. ס'איז געווען אין זיין פּנים און אין דער קליידונג אַ יוגנטלעכע צעקנייטשטקייט, די צעקנוידערטקייט און אָפּגעכוימעלטקייט פון אַ יונגנמאַן וואָס וואַלגערט זיך שוין יאָרן אין דער פרעמד, איז שוין אַ סך דורכגעגאַנגען און איז אַלט פאַר דער צייט. די בלאָנדע האָר זענען געשטאַנען צעשויבערט,

אין צויטן, און מיר האָט זיך געדוכט אַז ס׳שטעקן אין זיי שטרויעלעך און הייעלעך ווי ביי יענע וואָס נעכטיקן אין שייערן. די העלע אויגן האָבן געשמייכלט און געזשמורעט הינטער די ווייסלעכע ברעמען מיט דעם בלינדלעכן שמייכל פון אַן אַלבינאָ. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַ פעקל איינגעוויקלט אין פאַק־פּאַפּיר און אַ הילצערן טלומיקל ווי אַ רעקרוט. אַנשטאָט אים גלייך אַקעגנצולויפן, האָב איך אָפּגעוואַרט אַ ווייל און געגאַפט אויף אים. די פּלייצע זיינע האָט זיך שוין באַצייטנס געבויגן, נישט ווי ביי אַ ישיבה־בחור נאָר ווי ביי עמעצן וואָס טראָגט יאָרן לאַנג לאַסטן. ער האָט אויסגעזען געראָטן אין מיר, אָבער כ׳האָב דערקאָנט אין אים שפורן פון אַנדערן צד, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט מיט מיר פאַרשטענדיקן. אַפילו אין אים, דעם פּראָדוקט, האָבן די קעגנערישע שטריכן נישט געהאַט קיין האַרמאָניע. דער מאַמעס ליפּן האָבן זיך נישט געפּאָרט מיט דעם טאַטנס קין. די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־קישעלעך האָבן נישט געפּאַסט צו דעם הויכן שטערן. ער האָט זיך אומגעקוקט באַדעכטיק אין בידע זייטן און די מינע זיינע האָט גוטמוטיק געזאָגט: אוודאי, ער איז מיך נישט געקומען באַגעגענען... איך האָב זיך דערנענטערט און אומזיכער געפרעגט:

— אתה גיגי?

ער האָט געטאָן אַ לאַך.

— כן, אני גיגי...

מיר האָבן זיך געקושט און די שטעכיקע באָרד אויף זיינע באַקן האָט אַ רייב־געטאָן מיין פּנים ווי אַ ריבאַייזן. ער איז מיר געווען פרעמד, אָבער דערביי האָב איך געוווסט אַז איך בין אים אַקוראַט אַזוי געטריי ווי יעדער אַנדערער טאַטע. מיר זענען געשטאַנען שטיל, מיט דעם צוזאַמענהאַנג וואָס בויטיקט זיך נישט קיין ווערטער. אין איין רגע האָב איך באַנומען וואָס דער דאָזיקער יונג איז און ווי איך דאַרף זיך מיט אים באַגיין. ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט דריי יאָר מיליטער, א ביטערע מלחמה; ער האָט שוין געהאַט ווער־ווייסט וויפל מוידן, אָבער ער איז געבליבן שעמעוודיק ווי ס׳קאָן נאָר זיין אַ מאַנסביל. איך האָב גענומען רעדן צו אים העבראיש, אַ קאָפּעלע פאַרבליפּט פון מיין אייגענער קענטשאַפּט. כ׳האָב גלייך געקראָגן די אויטאָריטעט פון אַ פאָטער און ס׳זענען אויסגערונען אַלע אינהייביצעס. כ׳האָב געפּרווט נעמען זיין טלומיקל, אָבער ער האָט עס מיר נישט געוואָלט געבן. מיר האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אינדרויסן וואַרטן אויף אַ טאַקסי, אָבער אַלע טאַקסיס זענען שוין געהאַט אַוועק. דער רעגן האָט געהאַט אויפגעהערט. די גאַס ביים האַפן האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ נאַסע, הינטערשטאָטיש־טונקל, שלעכט־ברוקירט, דער אַספאַלט פול מיט גריבער וואַסער וואָס ס׳האָבן זיך געשפּיגלט אין זיי שטיקער אָנגעגליטער הימל, בידריק און רויט ווי אַ מעטאַלענע דעק. די לופט האָט געשטיקט. ס׳האָט

געבליצט, אָבער נישט געדונערט. איינציקע טראָפּנס זענען געפאַלן פון דער הויך און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי איז דאָס שפּריי פון פריער־דיקן רעגן, אָדער שפּריצן פון אַ נייעם. ס׳האָט מיר עפּעס נישט געפּאַסט וואָס ניו־יאָרק אַנטפּלעקט זיך צו מיין זון באַלד פון אָנהויב אַזוי חושכ׳דיק און אָפּגעכוימלט; כ׳האָב געהאַט די איטעלע אַמביציע אים צו ווייזן וואָס גיכער די שענערע פּערטלען פון דער שטאָט; אָבער מיר האָבן אָפּגעוואַרט פופצן מינוט און קיין טאַקסי האָט זיך נישט באַוויזן. ס׳האָט זיך שוין דערהערט דער ערשטער דונער. ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדערע עצה ווי זיך צו לאָזן גיין צופוס.

מיר האָבן ביידע גערעדט אין דעם אייגענעם נוסח: קורץ, שאַרף, מיר האָבן זיך נישט גענויטיקט אין קיין לאַנגע רייד, — ווי אַלטע חברים וואָס קאָנען איינער דעם אַנדערנס מחשבות. ער האָט מיר ווי געזאָגט אַן ווערטער: כ׳פאַרשטיי אַז דו האָסט נישט געקאָנט הויזן מיט מיין מוטער. כ׳האָב נישט צו דיר קיין תרעומת. כ׳בין אַליין אויך געקנעטן פון דיין טייג... איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַראַ סאָרט איז דאָס מיידל וואָס וועגן איר האָסטו מיר געשריבן?

— אַ וואויל מיידל. איך בין געווען איר מדריך אין קיבוץ. זי איז שפּעטער אַוועק מיט מיר אין מיליטער.

— וואָס טוט זי אין קיבוץ?

— אין שטאַל.

— זי האָט כאָטש שטודירט?

— מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אין גימנאַזיע.

— ווען וועט איר חתונה האָבן?

— אַז כ׳וועל צוריקקומען. די עלטערן פאַרלאַנגען מיר זאָלן שטעלן אַ חופה...

ער האָט עס געזאָגט אויף אַ שטייגער וואָס האָט געהייסן: אַוודאי, מיר ביידע נויטיקן זיך נישט אין אַזוינע צערעמאָניעס, אָבער עלטערן פון טעכטער האָבן אַן אַנדערע לאָגיק...

כ׳האָב צוגערופן אַ טאַקסי און ער האָט האַלב פּראָטעסטירט: צו וואָס אַ טאַקסי? מיר וואָלטן געקאָנט גיין צופוס... איך קאָן שפּאַנען מיילן... כ׳האָב געהייסן דעם טרייבער פאָרן איבער דער צוויי־און־פערציקסטער גאַס, איבער דעם באַליכטענעם טייל פון בראָדוויי און דערנאָך זיך פאַרקערן אויף דער פינפטער עוועניו. גיגי איז געזעסן און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב. כ׳האָב קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלצירט מיט די וואָלקנקראַצערס און די ליכטער פון בראָדוויי ווי יענעם אָוונט. ער האָט געקוקט און געשוויגן. כ׳האָב ערגעץ־ווו באַנומען אַז ער טראַכט איצט פון דער מלחמה מיט די

אַראַבער און די אַלע געפאַרן וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אויפן שלאַכטפעלד; אָבער די כוחות וואָס פירן מיט דער וועלט האָבן, אַ פנים, געהאַט באַשערט ער זאָל קומען קיין ניו־יאָרק, זיך זען מיט זיין טאַטן. כ׳האָב ווי געהערט זיינע געדאַנקען הינטערן שיידל. ער האָט, גלייך ווי איך, זעט־אויס, זיך געגריבלט אין די אייביקע פראַגן. ווי אויסצופרווון מיין טעלעפּאַטישן כוח, האָב איך אַ זאָג געטאָן:

— ס׳זענען נישטאָ קיין צופאַלן. אויב דו לעבסט, האָסטו געדאַרפט בלייבן לעבן.

ער האָט אומגעקערט צו מיר דעם קאָפּ אַ פאַרחידוש׳טער.

— העי, דו ביזט אַ יודע מחשבות?...

און ער האָט געשמייכלט געפלעפט, נייגעריק, סקעפטיש, אַ שטייגער ווי איך וואָלט אים נאָר־וואָס אָפּגעטאָן עפּעס אַ פּאָטערלעך שפּיצל...